בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' | פ' נצו"י | כ"ב אלול | תשע"א | פסחים: צ"ח:

# אימעיל נומער 500 ! א דערגרייכונג!

בעזהשי"ת צייכענען מיר היינט אפ דעם פינעף-הונדערסט'ן אימעיל בשעה טובה, - צו וועלכען עס איז ווי פארשטענדליך נישט לייכט אנגעקומען ביז אהער, אבער בפה מלא שבח והדי' זאגן מיר צום הייליגן באשעפער, אז עד הנה עזרינו ואל תטשינו לנצח.

מיר טוען שטאלצירן מיט אונזער ארבעט – בעת ווען מיר זעען בעזהשי"ת די פירות פון אונזער שווערע הארעוואניע, אין אלע הינזיכטן, אז אונזער פליכט טוהט זיך ב"ה ערפילן מיט'ן פולן זוהן פוןווארט, נאך ווי די הונדערטער אנשי שלומינו פון איבער דע גארער וועלט דרוקן כסדר אויס זייער געוואלדיגע הנאה און דאנקבארקייט אויף אונזער כסדר'דיגע ארבעט און שווער הארעוואניע וואס ווערט טעגליך אריינגעלייגט.

**בילדער** – "טויזענטער" (!) אירועים און געשעהנישן האבן מיר שוין ביז אצינד געדעקט און באריכטעט אין בילדער.

דאס נעמט אריין אין זיך געשעהנישן וואס האט פאסירט אינערהאלב קהלותינו ומוסדותינו הקדושות פון איבער דער גארער וועלט בכל מקומות מושבותיהם, צו איז עס פאסירונגען אינערהאלב די קהילות, מוסדות, קעמפ'ס, א.א.וו., צו איז עס געשעהנישן וואס איז נוגע צו חצרות קדשינו בכלל ובפרט.

**מודעות** – איינע פון די גאהר שטארקע פון אונזערע פראיעקטן איז דאס מיטטיילן די טעגליכע און וועכענטליכע מודעות פון אינערהאלב קהלתינו ומסדותינו הקדושות און פון אלע סאטמארער אינסטאנצן ווי-וואס און ווען אימער, וואס דאס האלט אייך – חשובע ליינער אינפראמירט איבער אלעס און אלעמען מהנעשה ונשמע אין די קהילות און מוסדות, און דינט אין-איין-וועגס אלס נוצבארער בולעטין פאר אלע נויטיגע מודעות און מעלדונגען.

**גליונות** – גאהר שטארק אויפגעכאפט צווישן די ליינער איז די וועכענטליכער גליונות אפטיילונג וועלכער ערשיינט יעדן דאנערשטאג וועכענטליך אינעם אימעיל, וואס די ברענגט אן עונג רוחני פאר הונדערטער אנשי שלומינו וועלכע האבן דערפון א נוצן פאר זיך אדער פאר די טייערע קינדערליך שיחיו וועלכע האבן דערפון גרויס הנאה.

אזוי אויך, טוהט דער גליונות אפטיילונג דינען אלס נוצבארע מיטל פאר אלע פאנדרעיזינג אפטיילונגען אינערהאלב מוסדותינו הק' וועלכע גיבן ארויס צייטליכע בראשורן און אויסגאבע'ס – אלס מיטל ווי דאס קומט אהן צו אזויפיל אנשי שלומינו פון איבעראל אהן די הויכע קאסטן וואס דאס ברענגט ביים פארשפרייטן אין בלעטער.

אין דער געלגנהייט מוזן מיר זיך באזונדער באדאנקען פאר אונזערע מיטהעלפער פון איבעראל: וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנסי, קרית יואל, לאנדאן, אנטווערפן, מאנטשעסטער, ירושלים, בני ברק, אויסטראליע און ווי אימער, סיי די וואס העלפן אונז כסדר צו אינפארמירן דעם ציבור מיט נייעס און בילדער, און אזוי אויך די וואס שיקן אונז וועכענטליך אריין די גליונות און אויסגאבע'ס, מיר – די חברי המערכת קענען זיי נישט גענוג ארויסברענגען אינעם פארם פון אונזער ארטיקל ווי שטארק דאנקבאר די הונדערטער ליינער זענען פאר זייער ארבעט.

טאקע דערביי טוען מיר זיך אצינד ווענדן מיט א בקשה צו אונזערע פולע ליינער אז אין שיעור למעלה, און מיר ברויכן נאך אלס אייער הילף!

צום אלעם ערשט זענען נאך פארהאן טויזנטער אנ"ש וואס וואלטן שטארק הנאה געהאט צו זיין אויף אונזער רשימה און עס פעהלט זיי פשוט די אינפארמאציע וויאזוי צוצוקומען צו אונז מיט א בקשה.

צווייטענס בעהטן מיר אלע חשובע ליינער פון איבעראל, פיהל פיהל נייעס און אינפארמאציע – און ווער רעדט נאך פון בילדער און מודעות - קומען בכלל נישט אהן צו די שפאלטן פון אונזער מערכת, און מיט אייער הילף וועלן מיר דערמיט קענען מהנה זיין אונזערע ליינער אויף ווייטער, ע"כ בעטן מיר, אז ווען עס קומט אייך אונטער סיי וואס, צו נייעס, אינפארמאציע, בילדער, מודעות, גליונות און אויסגאבע'ס – עס מיטצוטיילן מיט אונז און אזוי ארום אונז בייהילפיג זיין צו קענעם מזכה זיין דעם רבים אויף לעתיד.

**מעלין בקודש** – מיר מצדינו קענען אבער נישט בלייבן ביי דעם, נאר מיר וועלן שטענדיג זוכן ווי מיר קענען מער און בעסער סערווירן דעם ציבור אנ"ש. דעריבער האבן מיר באשלאסן צוריק אויפצופרישן דעם גאהר-וויכטיגער פראיעקט פון **"וחי אחיך עמך"** וואס מיר האבן פראקלאמירט מיט לערך א יאהר צוריק, און איז אבער צוליב טעכנישע סיבות נישט נמשך געווארן ביז היינט – וועלכע וועט אי"ה דינען אלס אן ארט וואס וועט אנהאלטן אין זיך א רשימה פון געשעפטן און ביזנעסער וואס די אייגנטומער דערפון זענען אנשי שלומינו, און אזוי ארום ארויסהעלפן אז אנשי שלומינו זאל האבן די מעגליכקייט צו שטיצן אנשי שלומינו גרינגערהייט, און אי"ה איין מאהל א וואך וועט דער רשימה ווערן געאפדעיטעד מיט אינפארמאציע.

און מיר ווענדן זיך צו די אלע וואס וואלטן געוואלט זייער געשעפט, ביזנעס, א.ד.ג. זאלן ערשיינען אינעם רשימה, זאלן זיך ביטע ווענדן צום מערכת מיט פונקטליכע אינפארמאציע פונעם געשעפט און איר אייגענטומער.

און מיט א תפילה לא-ל חי טוען מיר זיך ווענדן אז מיר זאלן ווייטער קענען אנגיין מיט די גאהר שווערע - אבער אינהאלסטרייכער ארבעט צו די הנאה פון הונדערטער אנשי שלומינו, ועוד ינובון בשיבה דשנים מיר זאלן

וויטער זוכה זיין לחסות בצל הקודש לאנגע יאהרן, און קענען ממשיך זיין מהנה צו זיין דעם ציבור מיט די מייסטערהאפטיגע ווערק ווי ביז אהער, ביז מיר וועלן אינאיינעם זוכה זיין מקבל צו זיין פני משיח צדקינו ומלכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א בראשינו בב"א.

# באריכט:

נעכטן נאכמיטאג ארום 5:00 אזייגער איז מרן רבינו שליט"א אנגעקומען אויף בארא פארק ווי דער רבי איז צוגעגאנגען צום בנין ווי עס לערנען די תלמידי מוסדותינו הק' כיתות ט' – מכינה לישיב"ק בהנהלת הר"ר עקיבא יוסף כהנא שליט"א ווי דער רבי שליט"א האט זיך אומגעקוקט אינמיטן דעם סדר הלימוד.

נאך א שטיק צייט האט מען זיך געשטעלט דאווענען מנחה, און נאך מנחה איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים ווי א' התלמידים האבן מסיים געווען מסכת קידושין, און דערנאך האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש פאר די תלמידים לרגל המאורע און לרגל סוף זמן הלימודים, און דאן האט דער רבי שליט"א געטיילט פרסים פאר אלע תלמידים.

פון דארט איז דער רבי שליט"א אריבער צום שטוב פון הרבני הנגיד מוה"ר משה כהנא הי"ו ווי עס איז פאהרגעקומען דער מסיבה לטובת קופת רבינו – "אבני חסד" ווי דער רבי שליט"א האט אויפגענומען אנשי שלומינו תושבי בארא פארק צום געזעגענען בעפאר די הייליגע טעג, ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן.

דורכאויס די שעה'ן פון קבלת קהל איז הגה"צ גאב"ד סערדאהעל שליט"א געקומען צו מרן רבינו שליט"א אויף א באזוך ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א לענגערע שמועס בפולפולא דאורייתא אין די סוגיא פון חצי שיעור.

אויך איז קאנסולמאן ר' דוד גרינפעלד הי"ו אריין אל הקודש פנימה אינאיינעם מיט עסקני קהלתינו הק' ווי ער האט מקבל געווען ברכת קדשו לרגל דאס נייע יאהר הבעל"ט.

גאהר שפעט ביינאכט נאכ'ן געזעגענען אנ"ש, איז דער רבי שליט"א אריבער צום שטוב פון הרבני הנגיד מוה"ר אברהם יקותיאל יערמיאש הי"ו ווי דער רבי שליט"א האט אריינגעשריבן אן אות לגומרה של תורה אין זיין ספר תורה.

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר ישראל אשר ווייס הי"ו פון קרית יואל, הב' בן מוה"ר שמואל לייבוש וויינבערגער הי"ו פון קרית יואל – חבר הנהלת ישיבה גדולה – שיעור ד', און הב' בן מוה"ר משה יושע שפילמאן הי"ו פון וויליאמסבורג.

## היסטארישע'ר אסיפת רבנים בנוגע די פראבלעם פון די היינטיגע טעכנעלאגיע

רבני ודייני קהלתינו הק' פון אלע געגענטער פון איבער גרעיטער ניו יארק האבן זיך היינט באטייליגט ביי די גאהר היסטארישער אסיפת רבתי ווי עס האבן אנטייל גענומען קרוב צו טויזענט רבנים ואדמורי"ם

שליט"א דן צו זיין איבער די שווידערליכקייט און פראלעמאטישקייט איבער וואס די שנעל-לויפענדע טעכנעלאגיע ברענגט מיט זיך מיט אין היינטיגע דור, וועלכע'ס איז פאהרגעקומען אין נוארק ניו דשערסי.

צווישן די באטייליגטע רבני ודייני קהלתינו הק' וועלכע האבן זיך געפונען ביי דער אסיפה זענען: הגה"צ אב"ד קהלתינו וויליאמסבורג שליט"א, הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א, הגה"צ דומ"ץ דקהלתינו בארא פארק שליט"א, הגאוה"צ דייני קהלתינו הק' וויליאמסבורג שליט"א, הרה"ג ראה"כ תו"י וויליאמסבורג שליט"א, און נאך.

## בחינה אין כולל שערי דעה שע"י מבצר הכוללים קרית יואל אויף הלכות טריפות

היינט נאכמיטאג איז אין מבצר הכוללים פאהרגעקומען א פארהער ווי די חברי הכולל "שערי דעה" האבן זיך געשטעלט צום פארהער אויף הל' טריפות ביי הגה"צ ר' מנחם מאיר ווייסמאנדעל שליט"א אבד"ק נייטרא מאנסי, ווי די לומדי הכולל האבן זיך אויסגעצייכענט אין די לימודים.

## שיינער שבע ברכות לכבודו פון הגה"צ אבד"ק קהלתינו מאנטשעסטער שליט"א

דעם פארגאנגענעם זונטאג העעל"ט איז אין בית מדרשינו אין מאנטשעסטער פאהרגעקומען א שיינער שבע ברכות לכבוד פון רב דקהלתינו שליט"א וועלכער האט חתונה געמאכט בשטומ"צ די פארגאנגענע וואך העעל"ט אין לאנדאן.

דער רייכער סעודת השבע ברכות איז אהערגעשטעלט געווארן דורכ'ן געטרייען און איבערגעבענער משמש דקהלתינו העסקן מוה"ר יואל אלימלך פריעדמאן הי"ו, און דורך העסקן מוה"ר אהרן מאלול הי"ו, אזוי אויך האבן די עסקני התאחדות אברכים אהערגעשטעלט א גענויטע ארבעט מיט'ן סערווירן די גאנצע סעודה.

אנגעפירט מיט די שבע ברכות האט הרה"ח מוה"ר שלום ברוך ראטבארד הי"ו מחשובי ראשי הקהלה, און עס האט אויפגעטרעטן דער מרא דאתרא כ"ק גאב"ד מאנטשעסטער שליט"א וועלכער האט דערנאך געטאנצן מיט די חתן און מחותנים שליט"א.

דאן האט אויפגעטרעטן מיט א טרעפליכע דרשה הרה"ג ר' משה דוד הורוויץ שליט"א זוהן פונעם רב שליט"א ודומ"ץ בית מדרשינו ברך משה אין בארא פארק. און נאך זיין דרשה האט מוה"ר יוסף גראד הי"ו אויפגעטרעטן מיט דברי בדחנות לכבוד די שמחה בבית הגה"צ דעם רב שליט"א.

דורכאויס די גאנצע צייט האט זיך אנגעזעהן אן ערהאבן בילד ווי בני קהלתינו הק' פון מאנשעסטער פארברענגען בשבת אחים גם יחד אין א אנגענעמע אטמאספערע און מ'איז זיך משמח לכבוד די שמחה אין שטוב פונעם רב שליט"א.

אויך האט ביי די שבע ברכות אויפגעטרעטן מיט א דרשה מוה"ר מרדכי מעהלער הי"ו, און דערנאך האט דער בעל שמחה דער רב שליט"א אויפגעטרעטן מיט דברי תורה לכבוד די שמחה.

מיט ברכהמ"ז איז מכובד געווארן דער מחותן אבי הכלה שליט"א, מיט די ברכות ראשונות איז מכובד געווארן דער רב שליט"א און מיט ברכה אחריתה איז מכובד געווארן הרה"ח ר' בעריש ווייס הי"ו ראה"ק.

נאכ'ן בענטשען איז פאהרגעקומען לענגערע ריקודין ווי די בני הקהלה האבן זיך משמח געווען לרגל די שמחה.

***-מזל טוב!-***

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**